ירוחם פישל פינס

# עלי־הדס

הספדים אויף דיא בעריהמטע וואָהלטהאָטיגע פרוי

## הדסה בּרמַן אויס רוזאַני.

בעארבייטעט דיך ב צ״א.



געבארען אין יאָהר תקפ״ט — געשטאָרבען ו׳ אדר תרס״א.

---

ווילנא, תרס״א. בדפוס י. פּיראָזשניקאָוו.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

226

ירוחם פישל פינס

# עלי־הדס

צוויא הספדים אויף די בעריהמטע וואָהלטהאָטיגע פרוי

## הדסה בֶּרְמַן

בת הגאון ר׳ אליהו שי״ק ז״ל מלידא, ואשת הר״רפייטיל ברמן מרוזאני.

בעארבייטעט דורך

ב צ״א.

---

ווילנא, תרס״א.

בדפוס י. פיראָזשניקאָוו.

---

АЛЕЙ ГАДАСЪ

# НЕКРОЛОГИ ПО ГАДАССѢ.

*Б. АЙЗЕНШТАДТА.*

---

ВИЛЬНА.

Типографія И. І. Пирожникова. Завальная ул. д. № 1147.

1901

Дозволено Цензурою 11-го Мая 1901 г. Вильна.



## עַל קבר הדסה ברמן.

בֹּר נְשִׁיָּה — שֶׁמֶשׁ זוֹרַחַת
רִגְבֵי אֲדָמָה — שְׁמֵי מְעוֹנִים
כֹּכְבֵי נֹגַהּ — עֲפַר הָאָרֶץ תַּחַת
עוֹלָם הָפוּךְ, לְמַטָּה עֶלְיוֹנִים . . .

בן־ציון אייזענשטאדט.

אדר, התרס"א, רוזאַני.

# מכתב

בע"ה, טוב תמוז, התרס"ח, קלעלק.

ידידי הרב המעולה, זריז ובתורה ממולא,
חכם וכרכא דכולא, גם עשר וסגולה,
מר ירוחם פישל פינס ברוזאני.

כפית עלי הר כגגית ותגזר עלי אומר, לפסוק לך פסוקיך, ולהיות שליח להולכה נאמן, ומתורגמן, לתרגם-בשפה המדברת-כצורתם, את הני מילי מעלייתא, פסוקי דרחמי וחסדאי דאמרת בי מדרשא בשעת מיתתה של אותה קדושה וטהורה, הרבנית הדומה לאחד ממלאכי צבאות יה, מרת הדסה ברמן אשר ידעתיה בשם. הוי ידידי! את האמת אגיד לך, כי גזרה היא מלפני, עד כמה גדלה אהבתי לטייל ב„זר־גן" ועד כמה אני מכבד את המתהלכים בו כבר בטח נוכחת לדעת בהתכבדי להתארח בביתך ולהתענג בהברתך ימים אחדים, וכשאני לעצמי אני אין כל ספק אצלי וברירא לי מלתא כביעותא בכותחא שה„זרגן" מקלקל ומביא הפסד מרובה ומוטב לו שלא נברא משנברא, וא"כ אמרתי: בלעדי! הנשמה ידידי שלך, והגוף שלך, הנך אבי־הבן, יוצרו ובוראו, וכדאי והגון לך לטפל בו, ומה אני ופעולתי בדבר שאין דעתי ורצוני בו, האשנה את טעמי ואדון את רוחי? ובכן הוי אמינא אפטור את עצמי ואשתמט מזה בטענה מן הטענות, ועל כלן טענות, „ממאןאני"! „ומוקצה מחמת מאוס"... כי מאס מאסתי בשפת עלגים ותגעל נפשי בה, אבל ידידי שבתי ראיתי חובה לעצמי כי אין אני רשאי ובן חורין להבטל מן העבודה אשר העמסת עלי, ועל כגון דא אמרו: „בטל רצונך מפני רצון אחרים" כי בפקוח נפשות הכתוב מדבר, הן רחש לבבך דבר טוב, ללמד את בנות יהודה תורת הצדקה והחגינה החסד והרחמים, ללכת בעקבות המורה לצדקה, הנפטרת המורמה והדגולה בבנות ציון, עץ־הדס שהיה נטוע בארץ, וראשי ענפיו המרובים יצאו לחוץ־לארץ... ויגיעו עד שערי שמים... ואשר ע"כ באת גם אתה בין המצרים ותאלץ להכניס חולין בעזרת הקדש ולהגיש יינך הטוב בכלי בלתי טהור, אשר אין נפש היפה סובלתו ונוחה הימנו. הן לדאבון נפשנו, עוד לא „אכשר דרא" ו„שפת קדש" אין הכל שומעין אותה, ומה גם נשינו ובנותינו אשר מוזרה היא להן בכלל, וטוב טוב איפא

לספר באזניהם מפרשת גדולתה של היהודית המצוינת במינה, בגוגונה וטיפוסה. הבלולה מבשר ורוח אלוה, ובעלת דו פרצופין חמר מצד זו ונפש נאצלת מצד זו, החתומה בחותמו של אברהם זקנה מעבר מזה ובחרות מעבר מזה—בשפה שהן שומעין, למען תכרנה ותדענה הדרך תלכנה בה והמעשה אשר תעשינה, להציב בזה ציון עולם ומזכרת נצח לרבת החסד והעלילה שאין חזיונה נפרץ ואין מראיתה מצויה אלא לעתים רחוקות ותקופות ידועות. ואדרש לאשר שאלתני ידידי, עשיתי מעשה ונזכרתי כי הלכה ומורין כן: „שמע בכל לשון שאתה שומע" והיה כי, יקלעו דבריך הנאמנים אל מטרתם ופעלו פעולתם לטובה, ויברכוך רבים מן האובדים והנדחים וגם לי יאצילו ברכה, ועל־ידי שנינו תגולגל זכותה של אותה צדקנית, המרגלית הטובה הגנוזה למעלה, האבן היקרה שהיתה תלויה בדור זה ואורה יבהיק לדורות רבים.

ידידך מוקירך ומכבדך מאד

**בן־ציון אייזענשטאדט.**

# עלי־הדם

וויראו כל העדה כי גוע אהרן ויבכו
את אהרן שלשים יום כל בית ישראל:
(במדבר כ׳, כ״ט).

דער מדרש אין במדבר רבה (פרשה י״ט סי׳ י״א) זאָגט „כיון שירדו משה ואלעזר מן ההר״ אז משה מיט אלעזר׳ן זיינען אַראָפּ פון דעם בארג, וואו אהרן איז דאָרטין געשטאָרבען, נתקבצו כל הקהל עליהם ואמרו להם היכן אהרן? , האָט זיך די גאנצע געמיינדע אויף גיקליבין אויף משה מיט אלעזר און האָבין געפֿרעגט וואו איז אהרן? „אמרו להם מת״, האָט משה מיט אלעזר׳ן גיענטפֿערט אַז אהרן איז גע־שטאָרבען, אמרו היאך מלאך המות יכול לפגוע באדם שעמד במלאה״מ ועצרו דכתיב (במדבר י״ז) ויעמד בין המתים ובין החיים?״ האט דיא געמיינדע גיפֿרעגט וויא קען דער מלאך המות אָן רירין אמענטש וועלכער ער האָט אים, דעם מלאך המות, איינגיהאַלטין און האָט זיך געשמעלט געגין איהם, וויא עס שטייט גישריבין: (במדבר י״ז) דאָס אהרן האָט זיך גישמעלט צווישין דיא טויטע און לעבענדיגע?

מיט דיא רייד פֿון אונזערע חכמים, וועללין מיר אָהן הייבין, רבותי׳ צוא ריידין, מיר זיינען אויף גישטאַנען גאַנץ פֿריא, מיר האָבען אונזער צנועה הדס׳קען ניט גיפֿונען, עס איז גיוואָרען דער רעש אין שטאָט גרוים, און יעדערער פֿרעגט: „היכן הדסה, וואו איז הדסה״? האָט מען גיענטפֿערט „מתה״ זיא איז געשטאָרבען, האָט יעדערער ווייטער גיפֿרעגט, וויא אזוי קען דער מלאך המות אָן רירין אַמענטש וועלכער איז שטענדיג געגען אים גישטאַנען און האָט איהם אַיינגיהאַלטין? וויא אַזוי האָט דער

מלאך המות גיהאַט אַצוטרעט צוא די בעריהמטע הדס׳קע, וואָס זיא איז שטענדיג מיט איהם גישטאנען אויף דער שטרייטע און מלחמות גיהאַלטין, נים לאָזין איהם פֿאַר גיסין בלוט, און חאַפּין נפשות. רבותי! וויפֿיל הונגעריגע, וואָס זייא האָבען שוין כמעט קיין קרעפֿטין גיהאַט, אוג זיינען פֿון נויט פערדאָרבין גיוואָרין, וואָס דער מלאך המות האָט שוין אויף זיי גישאַרפֿט דעם שרעקליכֿען שווערד און האָט אויף זיי שוין גיקוקט מיט זיינע בייזע ביסטרע שרעקליכֿע אויגען—האָט אונזער הדס׳קע גע-רעטעט פֿון דעם טויט? און האָט זיך אַיין גישטעלט פֿאַר זיי, און האָט געשריען: ניין! איך וועל זיי אונטער שטיצען, ערנערין, זיי דאַרפֿין לעבין. וויפֿיל קראַנקע רבותי, האָט מען גירעכֿענט אַז זיי זיינען שוין ביין מלאך המות אין האַנד, ער האָט זיי שוין גיפאַקט, דאַכֿט זיך עס איז שוין קיינע רעטטע דאָ, נימאָ מיט וואָס זיי צוא העלפֿין און שטיצען, און הדס׳קע האָט מיט דיא לעצטע אירע קרעפֿטין גיאַרבייט פֿאַר זיי, מיט רופֿאים, רעצעפטין, שפייזע, מיט גוטטע האָפֿנונג, ווערטער פֿון איר ערינסטע רייגע טרייע האַרץ׳, ביז זיא האָט זיי צום פֿאָל-קאָמען געזונד געבראַכֿט, און האָט זיך גיפֿרייט מיט דעם וואָס זיא האָט ניט גילאָזט דעם טויט אַריין טרעטין, און פֿאַר טרייבין אים, ער זאָל קיין אַיין טרעט האָבין דאָ. וויפֿיל קליינע קינדער, יתומים, עלינטע, אָהן פֿאָטער און מוטער, אָהן אַקרוב אַגואָל, וויפֿיל יתומות, אַרמע, וועלכֿע זיי האָבען גירעכֿינט דאָס זייער לעבין איז פֿאַרפֿאַלין, דיא האָפֿפֿונג, כמעט וויא פֿערלאָרין, ניטאָ זיך צוא ווענדין עטוואָס דיא האַרץ אוים דער ציילין, און הדס׳קע זיא האָט זיי שוין יעדין גיזעהן צוא בעזאָרגין׳ שטיצען, העלפֿין, טאָן, מיטין גוף און נשמה, מיטין לייב און זעללע, מיט איהרע גרויסע אונ—מענשליכע קרעפֿטען, פֿיר יעדין וואָס ער באַדאַרף, און וואָס איהם פֿעלט.

רבותי! אויף אונזער געריהמטע פֿרויא אויף הדס׳קען, וועלכֿע מיר האָבין מיר יעצט צוא גאַסט, אויף אֵיינציגע קליינע מינוטען, קען מען זאָגין דיא אוים דריקקע פֿון אונזערע חכמים אין מדרש שיר השירים אויף דעם פסוק שחורה אני ונאוה, דאָס זייא דריקקען זיך אוים: „שחורה אני בפני עצמי ונאוה בפני קוני״: דאָס הייסט: „איך בין פֿאַר זיך זעלבסט שוואַרץ און שיין פֿאַר מיין באשעפֿער״. אַח! וויא שוואַרץ פֿינסטער, און פֿערדאָרבין דוא ביזט הדס׳קע גיוועזן פֿאַר זיך זעלבסט, פֿאַר דיין אֵייגענע לייב און קערפער, דיין עסען דיין טרינקען, וויא קאַרג

און אָרים עס איז גיוועזן, דיינע אַנצוגע וויא עלינד און געדריקט זיינען! ניט
געקוקט אויף זיך זעלבסט גאָר ניט, אַרעגין אַ שניי, היץ און קעלט,
אַ ווינט אַ שטורמם, דיין קערפּער האָסטו גיאָפּפֿערט פֿאַר איין אָפּפֿער פֿאַר
דיינע אָרימע עלינדע געדריקטע ברידער און שוועסטער, פֿליען וויא אַ
פֿייגיל, לויפֿין וויא אַ הירש מיט דיינע קליינע פֿערדאַרטע פֿיס, וואָס? פֿיר
וועמען? ניט פֿאַר דיין גוף, ניט פֿיר דיין פֿלייש און לייב? פֿאדימע
זעקעליך, אַקליינען אַלטען קאַפּטוריל אויפֿין קאָפּ, אַ לייכטע אָרימע
קלייד—דאָס איז פֿאַר דיין גאַנצען קערפּער דיא אַנצוגע. פֿערדאַרטע
ברויט דאָס איז גיוועזן דיין שפּייז פֿיר דיר זעלבסט, פֿיר דיין אֵייגענעם
קערפּער. אָח! וויא שווארץ און פֿינסטער דוא ביזט פֿאַר זיך גיוועזן, און
וויא שיין דוא ביזט פֿאַר דיין באַשעפֿער, פֿיר דיין הימעל פֿאָטער וויא
פראַכטעט דיין געטליכער גייסט און געפֿיהל וועלכע אין דיר זיינען
טיף געזעסין און האבין דיר קיינע רוה געגעבין און שטענדיג גיט=
טריבין צוא אַרבייטען פֿיר דיין שטאָדט און אַלגעמיינען (בכלל) און פֿיר
יעדערין באדערפֿטיגין בעזאָנדערס (בפרט), שטיצין גיפֿאַלענע העלפֿען
אָרימע דאָס איז גיוועזן דיין האַרץ און געדאַנק הדסיקע שטענדיג, וויא
שיין דוא ביזט פֿאַר דיין באשעפֿער! מיט דיין ריינעם מויל, מיט דיין
ריינע אֶמתיע האַרץ, מיט דיין ריינע ליבע צוא דיינע ברידער און
שוועסטער, מיט דיין גאַנצע זעללע. דער מדרש זאָגט: „הנך יפה
רעיתי, הנך יפה במצות עשה, הנך יפה במצות לא תעשה" דוא ביזט
שיין געריהמטע פֿרויא מיט דיינע אַללע מצות, וועלכע עס זיינען גיבא-
באָטין און פאַר באָטין, „הנך יפה במצות הבית בתרומה ומעשרות, הנך
יפה במצות השדה בלקט שכחה ופאה", דוא ביזט שיין געוועזן מיט דיין
צוא טיילין דיין פֿערמעגין, פֿיר אָרימע ברידער שטענדיג גיטיילט תרומה
און מעשר און דוא ביזט שיין גיוועזן אין פֿעלד, שטענדיג גישלעפּט זיך,
גיוואַלגערט זיך אויף פֿעלדער, אין וועג, וואָס? קלייבין אַלקט, פֿאַר אָרימע
און שכחה, און פאה, און הפקר, דוא האָסט דאָך דיין קערפּער מפֿקיר
גיוועזן, „הנך יפה במעשים טובים", דוא ביזט שיין אין גוטע ווערקע,
אין די וואָלטאָהטיגקייט, דוא האָסט דאָך געטאָן פֿיל, זיך ניט פֿאַר
לאָזין אויף דיין שיינעם בעהאַנדלונג צו גאָט אַליין, נאָר האָסט זיך דאָך
עפּעס באשעפֿטיגט מיט טאָהטיגקייט אויך פֿיהל, „הנך יפה בעוה"ז" דוא
ביזט שיין איצונד פֿיר אונזער נאַציאָן, מעגסט זיך רימען יודישער נאַציאָן
וואָס דו גיבסט אַרויס אַזיינע שיינע פֿרוכט פֿון דיין גאָרטען. „הנך יפה
בעוה"ב" דוא ביזט שיין און פראַכטפֿול פֿיר דעם צוקונפֿט פֿון אונזער

פֿאָלק, דוא וועסט פֿיר אֵיינעם ליבּטיגען גלענצענדין שטערין שטיין און שיינען אין דער יודישער הימעל—שטענדיג.

„בכל עת יהיו בגדיך לבנים” „שטענדיג זאָלין דיינע קליידער ווייס און ריין זיין! זאָגט אונז אָן דער חכם שלמה, און דוא הדס׳קע האָט דיא רייד שטענדיג אין זינען געהאַט, וויא ריין דיינע אנצוגע זיינען, וויא שיין און זויבער זיינען דיינע אַללע אָנקליידונג. קוקט ניט ליבע ברידער אויף איהרע אַלטע קערפּערליכּע קליידער, אויף איהר אָרימען גאַנג, ניין! זיא האָט אָבער גאָר אַנדערע אַנצוגע געטראָגין וועלכּע מען קויפֿט דיא שטאָף ניט אין אַ קראָם, אַגעוויינליכּע, וועלכּע מען קריגט דאָס גאָר ניט אין אַ פֿאַבריק, „עוז והדר לבושה” קרעפֿטין אינגערליכּע און אֵיינע געטליכּע שיינהייט דאָס איז גיוועזן איר אַנצוג, „הלבישני בגדי ישע וּמעיל צדקה יעטני”, ער האָט מיר בעקליידעט מיט קליידער פֿון הילפֿע, און האָט מיר באדעקט מיט אַ דעקע פֿון צדקה און וואָלטהאָטיגקייט וועלכּע דאָס קען מיר אימּמער און עוויג נוצען און דינען.

רבותי! רעכּינט ניט אַז אונזער הדסה׳קע איז טאַקי מיט אַיין „מיתה חטופה”, דאָס הייסט אפלוצליכּע טויט געשטאָרבען, וועלכע נאָך דיא רייד פון תלמוד איז דיא מיתה הטופה ניט קיין גוטער סימן, ניין, מיר קענען אויף איר ריכטיג און ערינסט זאָגין, „אף היא מיתת נשיקה מתה”, זיא איז גישטאָרבין דורך גאָט, וויא דער צייכּין פֿון דיא אמת׳ע צדיקים, גרינג און רוהיג, זיא האָט דאָך קיינע שמערצין געליטען, איבער גיגעבין איהר גאָטליכּע זעללע צום הימיל-פאָטער, צווישען אַללע הייליגע יודישע ריינע נשמות, דער מלאך המות, האָט צוא איר גאָר קיין צוא טראָט ניט גיקענט האָבין, ער האָט איר ניט גיקענט פאַקין וויא אונזער הייליגען דוד, דער מלאך המות זעט דאָס ער איז פֿערנומען מיט תורה, מיט לערנען, מיט תפלה, מיט דאַוונען, זאָ איז דאָך אונזער הדס גיוועזן, נאָר גיזאָגט, און גיזאָט תפלות און וידויים, תחנות און בקשות, איר ריינער מויל האָט זיך ניט צוא גימאַכט, ביי איר איז ניטאָ דיא שלעכּטע צוא פֿעללע וועלכּע עס איז דאָ וואָס צוא שרעקין פֿיר דיזע וואָס שטאַרבין באַהיטע גאָט מיט „א מיתה חטופה”, וועלכּע זיי קענען זיך ניט אַרום זעהן פאַרין טויט מיט תשובה און מעשים טובים, קומען ארײנע אגילייטערטע נשמה פֿאַר גאָט, ניין רבותי! זיא האָט זיך שטענדיגט גילייטערט, זיא האָט גיהאַט דעם גיבאָט פֿון אונזער וויכּטיגין תנא: „ושוב יום אחד לפני מיתתך”, זיא האָט שטענדיג אין זינען דעם טויט גיהאַלטין, דען דאָס זעט מען פראַקטיש פֿון איר לעבין בכלל, און פֿון אירע גוטע מעשים צוא גאָט און צוא

מענטשין, ווען דוד המע״ה איז געשטאָרבין האָט מען גיהייסין שלמה המע״ה זיין זון: „ואביך הנח עליו כבר או תינוק וטלטלו״, דאָס הייסט, לייג ארויף אויף אים אַלעביל ברויט אָדער אַ קינד און טראָג, מיר קענען רבותי דיא מליצה זאַגין דא אויך: דאָ איז הדס׳קע, זאָל מען אַרויף לייגין אויף איר אַלעביל ברויט, זאָל מען זעצין אַ קינד, יעדערער וועט זיך דערמאָנען און עראינערין אָט דאָס האָט הדס׳קע גיטיילט הונגעריגע און אָרימע, מיט דעם האָט זיא ערנערט פֿאַמיליען באַדערפֿטיגע, אָט אַזיינע קליינע קינדער האָט זיא גישטיצט, גיהאָדעוועט, ערצויגין וויא אַמוטער אַטרייע, גירעכינט זיי פאַר איגענע קינדער און האָט מחיה נפשות גיוועזן.

„אלו קרעים שאינם מתאחים לעולם, הקורע על אביו ואמו״, דעם רים — זאָגין דיא חכמים — קען מען ניט צוא זאַממען נייען און באַהעפֿטין, ווען איינער רייסט אויף אַפֿאָטער און מוטער. רבותי! פיל האָבין קריעה גערים איבער דעם טוידט פֿון הדס׳קען, מיר וועללין דאָס אָבער ניט צוא זאַממען העפֿטין, דען דאָ האָט מען גאָר גערים איף אַיין פֿאָטער און מוטער. „עד שקמתי דבורה שקמתי אם בישראל״ מעגסטו הדם אויף זיך זאָגין׳ ביזט אערענסטע מוטער גיוועזן ביי צענדליגער און הונדערטער קינדער, ביי פֿיל אָרימע גיפאַלינע מענטשין, „על שדים סופדים! על שדי חמד, על גפן פוריה״! מיט דיא קלאָגענדיגע רייד קלאָגין מיר יעצט רבותי! עס איז גישטאָרבין אַזייגערין פֿון אַסך אַסך קינדער, יונגע און אַלטע, עס איז צוא גענומען געוואָרען אַפֿעלד וועלכע האָט מיר אירע תבואה, מיט איה= רע געטריידע, קאָרין, ווייץ, גישפייזט פֿיל נפשות. אַוויינשטאָק אפֿרוכֿטבאַרער איז אָפּ גיהאַקט גיוואָרען, ווען עס ווערט אַזאַ פרוכֿט-בוים אויס געריססען אין פֿריהלינגס צייט איז נאָך דער שאָדין ניט אַזוי גרויס, מען האָפֿט אַז עס וועט אַאנדערער אויף זיין אָרט באַטרעטען, מיר האָבין אָבער ליבע ברידער צוא קלאָגין מיט דעם נביא! „אין ענבים בגפן אין תאנה בתאנים, והעלה נבל״ עס איז שוין דער פריהלינגס לאַנג אַראָפּ, עס איז שוין קיינע פֿרוכֿט דאָ אין גאָרטין, מיט יאָרין לאַנג צוריק, איז אַזוי אַשאָדין ניט אַזוי צוא באַמערקין גיוועזן, עס איז נאָך אין יודישען גאָרטען פֿיל גוטע פֿרוכֿטבאַרע בוימער פֿעסט געפֿלאַנצט גיוועזן, עס האָבין נאָך שיינע בלומען גיבליט וועלכֿע זייערע שמאַקהאַפֿטע פֿרוכֿט האָבין פֿליסין געטאָהן, אָבער יעצט רבותי, אללעם אראָפּ ביסלעכ-וויים אונזער גאָרטען ווערט פוסט ליידיג פֿול מיט צוא בראָכֿענע בוימער. אַזיינע יודישע גלענצענדע געצייכֿענטע ווערין פֿערלאָרין און קיינע אַנדערע גיבט ניכֿט אויף זייער אָרט, יאָ עס איז דאָ געצייכֿענטע פֿרויען, דאַמען געריממע, איר ווייסט אָבער ברידער מיט וואָס אונזערע

דאַמען ריממען זיך יעצט און צייכענען זיך: „כי על כל בתי משוש קריה עליזה״ מיט דיא טיאטרין און צירקען, מיט דעם פֿערפֿלוכֿטין לוקסוס און מאָדע מיט אַלע קערפּערליכֿע און מאַטריאלישע פֿערגעניגען. נוא רבותי! מיר מוזין זאָגין: „יתומים היינו״ מיר אללע זיינען גיוואָרין יתומים מיר האָבין פֿערלאָרין אַשיינע מוטער וועלכֿע איר אָרט קאָן פאָרלייפֿיג בייא אונז קיינער פֿערנעמען.

„פניו כלפי העם, פניו כלפי מעלה! דאָס הייסט ווען דער מענטש שטאַרבט און דיא געזיכֿט איז צום פֿאָלק אָדער צום אויבען, איז אַגוטער בעוויז, פֿיר דעם געשטאָרבענעם, זאָגין אונזערע חכמים! זעט נאָר רבותי! אונזער גערימטע פֿרויא וויא איר געזיכֿט איז צום פֿאָלק, זיא רעט צוא איר גאַנצע שטאָדט צוא אָרימע און רייכֿע: ווייזט מיר מיינע פֿעלערין ווען איך האָב עטוואָס גיטאָן ווען איך האָב עטוואָס גירירט, אויף ווען האָב איך גערעט שלעכֿטעס וועלכֿער פון אייך האָט פֿון מיר עטוואָס גוטעס ניט גיהאַט? זעט וויא איר געזיכֿט איז צום הימעל, צוא גאָט כלפי מעלה, זאָג נאָר דוא גאָט אליין עדות אויף מיינע פֿאַרבאָרגענע חסדים וואָס איך האָב מיט הונדערטע מענטשין גיטאָן, אויף דיא באַהאַלטענע טובות וואָס איך צוא מיינע עלינדע געדריקטע ברידער און שוועסטער האָב אין מיינעם לעבין גיטאָן: „קברו אותי בכלים לבנים שאינני בוש לקבל פני בוראי״, הדס׳קע זאָגט איך שעם זיך פֿיר מיין באַשעפער גאָר ניט „יגמלני ה׳ כצדקי״! זאָל ער מיר באַצאָלין וויא מיין גירעכֿטיגקייט, „תלמיד חכם שמת הכל קרוביו״, ווען איין געלאָרינטער און אַגיבילדעטער שטאַרבט זיינען אַללע זיינע פֿאַרוואַנדעטע און נאָהינטא פֿריינד, דאָ איז רבותי! גישטאָרבין הדס׳קע, זייער אַגבילדעטע, מיט איר גייסט געפֿיהל און זעללע דאָס ריינע בילדונג אַליין דיא אמת׳ע קוועללע פֿון קלוגהייט איבער אַללע קלוגהייט, דיא ריינע קוועללע פֿון גוטטעס און גנאַדע, מיר זיינען אַללע אירע קרובים, מיר האָבין גיוויינט פֿיל, אונזערע בגדים גיריסין, נוא יעצט לאָזען מיר אונז טהיילין מיט דער ירושה יעצט וועללין מיר אונז טהיילין מיט דעם פֿערמעגין זיא האָט דאָך אגרויסין פֿעדמעגינס גילאָזין פֿיל גאָלד און דימאַנטין, דיא בעסערע צירונג וואָס זייער ווערטהה איז אָן אַשאַץ, דאָס איז אירע ערפֿינדונגען פֿאַר אסך צדקות, נעמט ברידער יעדערער עטוואָס צוא ביסלעך דער אַאָרימע יתומה דער אַאָרימע גיוויינערין דער אַקראַנקין דער אַגעפֿאַלענעם צוא שטיצען מיר זאָללין איר ברידער אַלע ירשינען, מיר דאַרפֿין זיך בייא אַזאַ ירושה ניט קריגין ניט משפטין אין סודין, מיט פֿריידע און ארינטליכֿקייט מיט ריינע גוטע גערדאַנקען זאָללין

מיר דאָס נעמען, טאָן צדקה און חסד פֿאַר אונזערע אָרימע ברידער און צדקה איז גרויס, צדקה תציל ממות, צדקה רעטעט אונז פֿון טויט, און מיר וועללין בזכות דעם אַללע לאַנג לעבין, עס וועט מקוים ווערין „בלע המות לנצח" אמן.

---

ובכל מדינה ומדינה מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע אבל גדול ליהודים צום ובכי ומספד גו'.
(אסתר ד', ג').

דער מדרש רבה זאָגט אויף דעם פסוק: „וכי יש אבל גדול ויש אבל קטן"? איז דען דאָ אַמאָס צוא אַטרויער דאָס דער איז גרויס און דער איז קליין, אלא בנהוג שבעולם דיא וועלט שטייגער איז: „כל האבלין אבלן מתמעט והולך עד לשבעת הימים", אַללע טרויערדיגע איז זייער טרויערין קלענער פֿון טאָג צוא טאָג ביז ענדע זיבין טעג, „וזה כל מה שהוא הולך מתגבר", און דער טרויער וואָס ווייטער פֿערשטאַרקט ער זיך און פֿערגרעסערט זיך.

רבותי! אויף דיא פֿרויא ועלכֿע מיר ווילין יעצט מספיד זיין הויבין מיר דעם אָנפֿאַנג אן מיט דיא רייד, אונזער הדס'קע איז געשטאָרבין מיר זיינען אַלע אבלים, מיר טרויערין אַלע, דאָך איז אונזער טרויער ניט וויא אַלע טרויערדיגע, אַללעמענס טרויער ווערט וואָס ווייטער קלענער און אונזער טרויער ווערט אַלעס גרעסער און שטאַרקער וואָס אַטאָג ווייטער פֿילט מען אַלעס מער אַז הדס'קע פֿעלט וואו מען קערט זיך און ווענד זיך, אח! מיר וועלין נאָך ערשט באַמערקין דעם שאָדין, דעם גרויסין היזק וואָס מיר האָבין פֿערלאָרין עס גייט ברידער פורים, עס איז נאָהענט פסח, יודישע ימים-טובים, וועלכֿע אונזרע אָרימע ברידער האָבין שוין געוואַרט אויף הדס'קען, זיא וועט אריין טראָגין, אריין בריינגען, שטילער הייט, עס זאָל ניט פֿעלין, זאָלין זיך פֿרייען מיט דעם הייליגין „יום טוב" וויא עס שטייט! „ושמחת בחגך" אָבער יעצט רבותי! פֿערלאָרין הדס'קען ניטא, ניטאָ דיא ליבע מוטער וועלכֿע זאָל זאָרגין פֿאַר דיא אָרימע קינדער, מיר זאָגין מיט צוא זאַממען מיט דעם היגין פֿערשטאָרבנעם רב הגאון ר' מרדכי גימפּיל ז"ל, הלא תדעו כי שר וגדול נפל היום בישראל, איר וועט נאָך וויסין ווער עס איז געשטאָרבין איר וועט נאָך באַרעכֿענען אַז דאָ פֿעלט הדס, דאָ איז זיא ניטאָ, מען דאַרף איר דאָ, דאָרט איז זיא נייטיג, דאָס איז אאבל גדול, ער פֿערגרעסערט זיך, דאַמאָלס אין אסתר'ס צייט איז

גיוועזן, בייא דער גזרה רעה „צום״ „ובכי״ „ומספד״, מען האָט גיפֿאַסט דאָס העלפֿט אַזויא וויא מיר געפֿינען ביי דוד'ן אַז ער האָט געזאָגט: „בעוד הילד חי צמתי ואבכה כי אמרתי מי יודע וחנני ה׳ וחי הילד״ (שמואל ב יב) „צום״ פֿאַסטין האָבין מיר ניט גיפֿאַסט דען זיא איז גאָר ניט קראַנק גיוועזן מיר וואָלטין געוויס ניט גיקאַרגט אויף תעניתים פֿאַר איהר, יעדערער וואָלט פֿאַר איהר גיזונט אַטאָג ניט גיגעסין און געטרונקען, עס איז אָבער גיוועזן איר שטאַרבין גאַנץ גיך, מען האָט זיך גאָר ניט אַרום גיזען „בכי״, וויינען האָבען מיר געוויינט מיר וויינען נאך יעצט אויך און מיר הערין גאָר ניט אויף, מיר מוזין נאָך מקיים זיין „ומספד״ דאָס איז דיא בעדייטונג פֿון דאָס פֿאָרשטעלונג דעם שאָדין דעם היזק וואָס מיר האָבין בייא איר שטאַרבען (און „הספד״ איז פֿון דעם וואָרט „הפסד״ דאָס הייסט שאָדין וועלכֿע אין לשון הקדש בייטין זיך דיא בוכֿשטאַבין דורך) און דאָס רבותי פֿאָר שטעלין איך דעם היזק אין גאַנצין געבין יעצט דער קלערין פֿון הדס׳קען מיט אירע אַלע אירע גרויסע וואונדערליכֿע אומענשליכֿע נאָר געטליכֿע גאַנגען און געפֿילין, ·בין איך ניט אום שטאַנדע, דאָס איז גאָר אום מעגליך אוים ריידין, איך וועל זאָגין וויא דער היגער רב זאָל לעבין הגאון ר׳ שבתי וואללאך שליט״א זאָגט, דאָס זעהן דיא ליכֿטיגע גייסטליכֿע בילד פֿון הדס׳קען מוז מען זיבעציג יאָר לעבין איבער הויפט אונמעגליך איז ברידער פֿאַרשטעלין אַמענטש וועלכֿע ער איז גיוועזן איין וואונדער, וואָס מיר עסין אַטאָג האָט זיא גיגעסין איאר און וואָס מיר טוען גוטעס אין אַיאָר האָט זיא גיטאָן אין אַטאָג. רבותי! „יגעתי באנחתי אשחה בכל לילה מטתי״, איך בין פֿון מיין זיפֿצין און קרעכֿצין מיד, איך זיפֿץ און טרויער אויף הדס׳קען„ איך בענעץ און מאַך מיין בעט שווימען יעדער נאַכֿט אין אַטייך טרערין איך בעטראַכֿט ניט איר שטאַרבען וויא אַללע, אַללע רעכֿענען איר טויט פֿאַר אַקערפערליכֿען אונד מאטעריאַלישען שאַדען פֿון דער שטאָדט פֿון דיא אָרימע און עלינדע, אַהיזק פֿיר קליינע יתומים מיט יתומות, פֿיר געדריקטע און גיפֿאַלענע, איך ליבע ברידער אָבער רעכֿין דאָס פֿאַר אַשאָדין פֿון דער גאַנצער יודישער פֿאָלק, אַשאָדין פֿון דעם גאַנצין נאציאָן, עס איזט צוא געגומען געוואָרען אַיין גרויסער פערזאָן וועלכער מיר מעגין זיך מיט איהם אימער ריהמען נאָר די יודישע תורה, דיא יודעשע בילדונג, דיא יודעשע קולטור קע זאָ אַיין אַנטיק אַנטיק הערוּים געבין, מיט זאָ אַ אַנטיק קען זיך גאָט אַליין ריה־מען און זאָגין: „ישראל אשר בך אתפאר״! יע עס איז אונמעגליך, רבותי מאַכֿין אַ הספד אויף אַזאַ פערזאָן, איך זאָגע נאָך אַ מאָהל דאָס איך בין ניט אים שטאנדע פֿון איהר געבען אַ ריכֿטיגען בילד, איך וויל ניט מער פֿאַר איר

גוטין נאָמען מאַכֿין אַמווייניגסטין בייא אונז אַ אַנדרייקונג מען זאָל זיך אָן איהר עראינערין וויינגסטענס אַללע פֿרייטיג צוא נאַכֿט בייא דעם קאַפּיטיל „אשת חיל" זאָגינדיג: „אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה", ווער קען געפֿינען זאָ איינע קרעפֿטיגע וויכֿטיגע פֿרויא וועלכֿע זי האָט גיהאַט לעווען קראָפֿטען זאָ שטאַרק און פֿעסט אַרבייטין פֿיר אירע ברי-דער און שוועסטער, זי איז נאָך פֿיל מער געשעצט פֿון פעריל דען פעריל איז צום אָנפֿאַנגס פֿאַר שמוצט מען מוז דאָס רייניגען שלייפֿען, הדם אָבער איז רונד און רונד פֿון שמוץ און פֿלעקין ריין, זויבער און גלענצענד פֿון אָנפֿאַנגס אָן, „ורחוק מפנינים מכרה", איר ווערטה איז פֿיל העכער פֿון פעריל, „בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר", אַלע האָבין אייגענטליך בעוואונדערט הדם׳קעם מאַן, ער שיקט אַזוי פֿיעל געלט און פֿערמעגען איבער, און זיא ווערט נאָך אַלעם אַגרעסערע „בעלת חוב" מער געדריקט? נור דאָס איז גראַדע אַנדערש, איר מאַן האָט זיך אין איהר שטאַרק פֿערטרויט פֿערזיכערט, ער האָט געוואוסט אַז ניט אויף דומהייט און לוקסום פֿאַר טוט זיא איר פֿערמעגין, זיא באַהאַלט אין אַ פֿעסטין אָרט איר קאַפּיטאַל. „אבותי גנזו למטה ואני אגנוז למעלה, אבותי גנזו במקום שהיד שולטת בו ואני אגנוז במקום שאין היד שולטת בו" זיא האָט ניט אין ביינק איהרע געלט געטראָגין נאָר אויף דעם הימעל געקליבען וואו אַ האַנט קען ניט צוא שטיין „גמלתהו טוב ולא רע כל ימי חייה" זיא האָט איר מאַן נאָר גוטעס און גוטעס גיטאָן איר גאַנצין לעבין גיקליבין און גיקליבין נור פֿאַר אים און פֿער איהם. ער איז רבותי אַיין עשיר! אַ גביר אַ קאַפּיטאַליסט, ניט ביי אונז אין רוזינאָי, ניט אין אונזער גובערניע, נאָר אין דער גרויסער וועלט. „דרשה צמר ופשתים ותעש בחפץ כפיה" איר האָט דאָך קיין שטאָף קיינע צייג ניט גיפֿעלט, קיין בגד, קיין טיכֿיל דאָך זיא האָט גיטאָהן און געקליבין, גיזוכֿט און געפֿאָדערט, אַ ביסעלע וואָל, אַ ביסעלע פֿלאַקס ניט פֿאַר זיך נור פֿאַר פֿרעמדע באַדערפֿטיגע, און מיט איהרע ריינע הענד אַליין גישפונען, גינייט, גישטריקט. „היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה". פֿאַר שפּאָרט די אייראָפּעאישע בילדונג, דיא פֿראַנצעזישע שפּראַכֿע, מיט אַלגעמיינע קולטור, אָט דיא הדס׳קע, זיא האָט קיין גימנאַזיום באַזוכֿט, קיין שוהלע געענדיגט, דאָך האָט זיא איינע גרויסע ראָללע אין דער וועלט גיפֿירט, און זי וואר וויא אַ שיף פֿון קויפֿמאַן וועלכֿער פֿון ווייטינס אירע שפייז און פֿרוכֿט טראָגט פֿון ווייטינס פֿון ווארשא, ווילנא, קיוב, חרקאָוו, לאדז, מינסק, חרסאָן, קאוונא, גראדנא, ראסטאוו, האָט זי ברויט, קליידונג און געלד גיקליבין פֿיר דיא אומגליקליכֿע, מען האָט שוין גיוואוסט איהרע

טהאֶטיגקייט און אַרבייט, יעצט נאָך איר טויט איז נאָך אויף היגע פאסט אָנגעקומען פּאַקעטין מיט געלד אויף איהר נאָמען, פֿאַר די אָרימע. „ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה וחק לנערותיה״ פֿיל פֿרויען אֵייראָפּיי-אִישע, געבילדעטע נאָך דיא העכֿסטע מאָדע ערצויגין האלטין צוא הויזע מאָדכֿין דינערין אויף דיא וואַרפין זייא דעם גאַנציִן לאַסט אַרויף זיי זאָלין טאָן אַרבעטין, אין דער צייט וואָס זיא, די ווירטהעון איז גאַנץ בערוהיגט, און שלאָפֿט זיך שפעט, שפעט אויפֿין טאָג, אונזער הדס׳קען האָט מען נאָך פֿינסטער גיזעהן, זיא האָט שוין פֿאָר בערייטעט אַללעס פֿיר איהר הויז מעדכֿען, עס זאָלל זייא קיינעם פֿעללין, געזאָרגט פֿאַר זייא שטעללין אויף אַפּעסטין שטאַנד וויא אייגינע קינדער, אויס געבין זייא צוא אָרענטליכֿע מענער, „זממה שדה ותקחהו מפרי כפיה נטעה כרם„, לייט האָבין גערטנער, פֿעלדער נאַכֿהער לאָזט מען איבער אַלעס מען נעמט ניט מיט, זיא האָט אָבער אַ פֿעלד גיזייט, און האָט אים מיט זיך גינומען דען זיא האָט איר פֿעלד איר גאָרטין זעלבט ערוואָרבין פֿאַר ·האָריוועט, גיקליבין גיריסין דיא געוועקסע פֿיר אָרימע צוא טיילין „חגרה בעוז מתניה ותאמץ זרעותיה״ דאַכֿט זיך קראַנק שוואַך איז הדס׳קע גיוועזן פֿערמאָגערט און פֿערדאַרט זיא האָט אָבער גיהאַט אַ געטליכֿען קראַפֿט וועלכֿער האָט איר געשטאַרק און גיקרעפֿטיגט צוא לויפֿין פֿליהען, טראָגין שלעפֿין. „טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה״, זיא האָט נאָר איר געשעפֿט גיקוקט גיהאַט, גיזען אַז זיא קען עטוואָס גינימין אַ גוטעס געשעפֿט מאַכֿין פֿאַר איהרע אָרימע ברידער און שוועסטער, אַפֿאָר גילדין פֿאַר זייא קריגין, דאַן האָבען זיך שוין איהרע אויגען ניט צוא גערמאַכֿט, שפעט אין דער נאַכֿט איז זיא געזעסין, ניט פֿאַר לאָשִין די ליכֿט, „אַ טאַנץ גיגאַנגען מיט דיא „כלה״ מיטין „חתן״ מיט דיא „מחותנים״ מיט יעדען, נאָר ברידער שיינקט עפעס... גאָט וועט העלפֿין... דאָס האָט זיא שטענדיג גיזען „ידיה שלחה בכישור וכפיה תמכו פלך״, אַליין אַליין גינייט גישטריקט, גישפונען, פיר איהר זעלבסט איז גענוג גיוועזן פֿאָדימענע זעקעלאַך זומער און ווינטער, אצעפּקעלע אופֿ׳ן קאָפּ, אַ אַלטע טיכֿעלע אויף דיא פלייצעם, אַ קאַרטונענע קליידעלע נאָר: „כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון״ פֿאַר די אָרימע ברידער האָט זיא איהר האַנד פֿערשפרייט, דער מדרש שרייבט: וואָרום זיינען בייא אַ מענטשין ווען ער ווערט געבאָרין דיא הענד אויף גידריקט און ווען ער שטאַרבט איז פֿריי און אָפֿין? ווייל ווען ער ווערט געבאָרין דענקט ער אַללעס אויף צוא זאַמלען, קלייבין צוא זיך אין האַנט, אָבער נאָך

זיין טויט ווייזט ער, זעט איך נעם גאָר ניט מיט, הדס׳קע האָט אָבער
בייא איר לעבין אירע הענד פֿאַר דריקט ניט גיהאַלטין, נאָר פֿאַר שפרייט
כפה פרשה לעני, צוא גיפֿאַלענע און ארימע. „לא תירא לביתה משלג
כי כל ביתה לבוש שנים״, אין גרעסטען פֿראָסט, אין ווינטין,
אין קעלט, און שנייא, הדס׳קע פֿליהט, לויפֿט זיא באַמערקט
גאָר קיין ערקאַלטערונג ניט, כי כל ביתה לבוש שנים, אירע רויטע
פֿאָדימענע זעקעליך, דיזעם וואַרימט איר אימער, מער וויא טייערסטע
פֿוטערם אונד פעלצין. „מרבדים עשתה לה, שש וארגמן לבושה״ אח
רבותי! דיא וועלט זאָגט וויא מען בעט זיך אוים אַזוי שלאָפֿט מען, זיא
האָט זיך אַ שיינע בעט פֿאַר בעט, מיט שיינע בעט צייג שיינע אונד
קאָלירטע, וויא אין מדרש שטייט (מ״ר פ׳ ויחי) ר׳ יוחנן האָט גיזאָגט:
באהאַלט מיר ניט אין וויסע תכריכים און ניט אין שוואַרצע, כדי איך
זאָל מיר ניט שעמען שטיין צווישען „צדיקים״ אָדער „רשעים״ איר זאָלט
מיר תכריכים געבין געפֿאַרבטע גיגלאַנצטע, וועלכע זיי קענען דינען הער
און הין. זיא האָט זיך אויך אַזוי גיפֿירט, צווישען אַלע קלאַססען מענטשין
איז זיא געקומען, אַללע האָבין איר גיאַכֿטעט, אַללע האָבען איר זייערע
„נדבות״ גיגעבין „נודע בשערים בעלה בשבתו עם זקני ארץ״, איר מאַן האָט ער
איז אַקויפֿמאַנן האָט שיינע געשעפֿטע גיפֿירט, דאָך האָט ער שטאָנדיג צוא
זיינע קינדער געשריבען אַז צו ליב זייער מוטער האָט ער עהרע, און איהר
נאָמען שיינט איבעראלל. „נודע בשערים בעלה״! פֿיהל טייערע קליידער
וועלכֿע דער מאַן האָט איר געשיקט זיא האָט זייא גאָר ניט אָן גיטאָן
נאָר פֿאַר קויפֿט און דיא געלד צוא טהיילט פֿאַר איהרע אָרימע עלינדע.
„סדין עשתה ותמכור, עוז והדר לבושה״. איהרע קליידונג איז בעשטאַנען
נור פֿון שטאַרקען גוטען ווילען, און גוטען שיינעם נאָמען, מיט דיא
קליידער איז זי שטענדיג גינאַנגען, „ותשחק ליום אחרון״ און האָט אוים געלאַבֿט
פֿון טוידט ווי דער גוטער גאָט האָט איר אַרויף גיבעטין, האָט זי גיענטפֿערט
ווי אַללע צדיקים: „הנני״! איך בין געגרייט! איך גיי! בידך אפקיד רוחי! ביי
דיר גאָט באַהאַלט איך מיין גייסט! וויא קלוג אירע רייד זיינען גיוועזן, וויא
ליב וויא זים, נור וועגין גוטעס איז איר געשפרעך גיוועזן. „פיה פתחה בחכמה
ותורת חסד על לשונה״, שטענדיג גיזען איר קאַממערצע איר הויז פֿון „צדקה״
זאָל גיין גוט, ניט זיך גיפֿוילט. „צופיה הליכות ביתה ולחם עצלות לא
תאכל״, אפשר אין אָנפֿאנגס האָבען דער מאַן און די קינדער פֿערדרוסס גיהאַט
דען זיא האָט דאָך אַללעס, דעם גאַנצין פֿערמעגען צוא טהיילט, פֿאַר
זיך און אייגענע פֿאַמיליע כמעט ניט גיקוקט בעזאָרגען, אָבער דיא ענדע

איז, אַז יעצט, זעהן איר מאַן מיט דיא קינדער, גאָס זיא האָט פֿיר גוטעס גיטאָן און זייא ריהמען איהר אַללע. „קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה״ פֿיל פֿרויען שיינע גיט אונזער נאַציאָן אַרויס וועלכע זינד געגרייט צוא טאָן פֿאַר זייערע ברידער און שטיצען. „רבות בנות עשו חיל! ואת־און דוא הדס׳קע עלית על כלנה״, דוא גייסט אַלעמען איבער, אומזינסט איז דער „לוקסוס״ מיט דער „מאָדע״ וועלכע האָבין געפֿאַנגען אַסך נפשות פֿון אונזערע יודישע טעכטער, וואָס טאַנצין נאָך דיא גרויסע וועלט, דאָס בריינגט ניט מער וויא קנאה, שנאה כעס און מחלוקת אויף אונזערע פֿאָלק, אָדער אַגאָטעס פֿאַרכטיגע פֿרויא וויא הדס׳קע, זיא ווערט אימער גילויבט, „שקר החן והבל היופי״! פוצט זיך ניט, זוכט ניט קיין מאַטרעאַלישע שיינהייט, נור איננערליכע „אשה יראת ה׳ היא תתהלל״, אַזיינע רימט מען פֿיר איהרע גוטע ווערקע און וויכטיגקייט.

„תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה״ יעצט ליבע ברידער זעט וואָס איר האָט וואָס צוא טאָן, הדס׳קע האָט שוין „איריגע״ אָפּ גיטאָן נאָך וויא, וויא ערינסט וויא טריי זיא האָט אונז אַלעמען געדינט, מיט איר לייב און זעללע מיט איר געזונד און לעבין האָט זיא זיך פֿיר אונזער געמיינדע געאָפּפֿערט עס איז איר קיינעס ניט שווער גיוועזן, „תנו לה מפרי ידיה״, אדין איז אין דער תורה דאָס אַז איינער פֿערקויפֿט זיך פֿאַר אַקנעכט אַרבייטין, נאַכהער אַז ער שיקט אים אַוועק פֿון זיך טאָר ער אים ניט אַוועק שיקין ליידיג. נוא ברידער! זאָגט וויפֿיל דיא ערינסטע טרייע הדס׳קע האָט פֿאַר אונז געדינט און גיאַרבעט, וויפֿיל זיא האָט צוא טאָהן פֿאַר אונז אין איר לעבין. אח! מען דאַרף אונז קיין לאסקע און אמתנת חנם בעטין, זיא האָט פֿאַרדינט מיט אירע לעצטע קרעפֿטין, מיט איר שוויים— „הענק תעניק להם״ גיט ברידער יעדערער, קיינער זאָל ניט אָפּ שטיין, רייכע און אָרימע אַללע גלייך, זיא האָט פֿאַר יעדען גיטאָן און גיטאָן ניט אויף גיהערט צוא טאָן ביז איר כשרה און ריינע הייליגע „נשמה״ איז אַרויס, מיר טאָרין ניט האַלטין אירע, יעדערער איז איר אבעל חוב „לא תלין פעולת שכיר״ לייגט ניט אָפּ אויף מאָרגען, יעצט, יעצט, אין דער נאַכט ווען מיר גיבין אָפּ אַקורצין רעכענונג, אסך הכל פֿון איר פֿאַרדינסט פֿון איר אַרבייט, יעצט ברידער איז אַצייט, אונזער וויכטיגע אַרבעטערין באַצאלין. „תנו לה מפרי ידיה״! פֿון אירע האַנד־ווערקע באַצאָלט איר פֿון אידע מעלות און איר געפֿיהל האָבין מיר ניט וואָס צוא ריידין, מיר וועלין גאָר יעצט שוין קיין מעלה אויף איר זאָגין, עס איז פֿאַר שפּאָרט און גאַנץ איבעריג זאָל איינער פֿון אונזער גרויסע פובליקום

ווייזין אויף דעם ריינעם בריללאַנטענם ,רינג אחרון אַפּעלער, אַפּלעק ניין! ניטאָ, פֿון אירע פּרוכֿט, איהרע וועלכֿע זיא האָט בייא איר לעבין געליבט, און פֿאַר זייא געגעבין און געגעבין דעם גאַנצענעם לעבין און געזונד פֿון דיזעם ניט איר יעדערער צו ביסלאַך, באַשאַפֿין אַגאַנצין „הדס", פֿון דאָס נייא איז און מעגליך, גאָט ווייס צוא מיר וועלין דאָס שוין ווען האָבין דאָך אָבער פֿון גאַנצין כלל, קען איינע הדס׳קע ווערין, דער הדס׳קעס גוט הארץ, דער אירע ווייכֿע אָרינטליכֿע רייד, דער זאָל נעמען אויף זיך דעם עלענדין „יתום" די עלענדע יתומה דער דעם קראַנקין, יענער דעם אונטערדריקטין דער דיא ביסיל און אַצווייטער דיא ביסיל, דאָ וועט זיך צוא זאַממען שטעלין איינע גאַנצע בוים פֿון „הדס" אין דעם יודישין גארטען, אין אונזער נאַציאָן, „אין דור שאין בו כמשה" ניטאָ אדור וואָס ער זאָל ניט האָבין אמשה רבינו, משה׳ס, ליבע ברידער איז ניטאָ, פֿאַרפֿאַלין „לא קם כמשה"! אַזיינער איינצעלער פערזאָן איז ניטאָ! דאָך אָבער אין דעם גאַנצין דור אין „אכלל" גיפֿינט מען אמשה׳ין „ומשה לא מת" און משה איז ניט גישטאָרבין דער דיא גוטע מדה, דער דיא מדה צוא זאַממען ווערט אַפּאָלקאָממענער משה מיט מעלות טובות, וויא מיר זעהען פֿון דער תורה (דברים כ״ט) אתם נצבים היום כלכם גו׳, ווען איר שטייט אַללע דיא גאַנצע געמיינדע, „ראשיכם, שבטיכם, זקניכם ושוטריכם", דאן ווערט כל איש ישראל, לאמיר ברידער מאַכֿין אחברה „ה ד ס" אַקאַמיטעט פֿון צדקה אונטער דעם נאָמען, וועלכֿער זאָל איר נאָמען ניט לאָזין פֿאַר געסין ווערין, ער זאָל אונז אימער דער מאָנען אָהן איר און אירע ווערק „תנו לה מפרי ידיה" באַצאָלט איר ברידער! באַצאָלט לאָמיר ניט האלטין דעם גרוסין חוב אויף זיך, און דאַן וועלין מיר זעהן אַז „ויהללוה בשערים מעשיה" אַז אירע טהאטינגקייט רופֿין אויס אויף איר, און זיינען אַבעווייז אויף אירע וויכֿטיגקייט

אַללע אַללע אָרימעע און רייכֿע מוזין מיר זיך צוא דעם נעמען., מענער און פֿרויען, יונגע און אַלטע. נאָר רבותי! דער חוב איבער הויפּט ליגט אויף אונזערע פֿרויען צוא טאָן אין דעם „אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל בני החבורה", ווען איינער פֿון אַקאָמפּאַניע שטאַרבט דאַרף דיא-גאַנצע קאָמפּאַניע בעדויערין, זיא איז גיוועזן אַפּרויא איין שיינער בלום אין דעם פֿרויען גאָרטען, וועלכֿע זיא האָט אירע אַלע שוועסטער בעשיינט און באפוצט, זיי מוסין שטרענג זעהן אַז דער אָרט פֿון דעם פֿראַכֿט פֿאָהלען בלום זאָל ניט פוסט און ליידיג בלייבין, עס זאָל אַאונשטערבליכֿער נאָמען בלייבין, „אין עושין נפשות לצדיקים שדבריהם הן זכרונם" מיר מאַכֿין ניט קיין מאנומענטין פֿאַר דיא „צדיקים" מיר שטעלין ניט קיינע פּאַמעטניקעם

בייא אונז איז נאָר „דבריהם" זייערע רייד דיא גוטע, זייערע מדות טובות, דאָס איז זייער אָנדייקונג, דעם אנדיינקונג מוזין מיר מאַכין, מיר געפינען ביים „חרבן בית המקדש" אַז מען מאַכט „א זכר לחרבן" אאַנדיינקונג, מען זאָל זיך ניט פאַר געסס׳ן, און וויא באלד אַז אונזערע חכמים זאָגין אין תלמוד אז „שקולה מיתת צדיקים כשרפת בית המקדש", אַז דער שטאַרבין פון א צדיק איז גלייך וויא דער בהמ״ק ווערט חרוב, מוז מען דעם אַנדיינקונג פון זייערע גוטע „מדות" און „מעלות" מאַכין, ווען מען מאַכט ניט קיין אַנדיינקונג איז דאָס נאָך גרעססער און שווערער וויא דער חרבן פון בהמ״ק וואָרום ביין בהמ״ק שטייט „ועשו לי מקדש מעט" דאָס הייסט מען זאָל מאַכין אַקליינעם ביהמ״ק צוא אַנדיינקונג, איז אַז מען מאַכט פאַר דעם צדיק איין אַנדיינקונג איז דאָס ניט ערגער פון חרבן דערום גיפינען מיר אַז דיא חכמים זאָגין אין מדרש: „קשה סילוקן של צדיקים יותר מחרבן בהמ״ק" דאָס הייסט ווען דער צדיק ווערט אָפּ גענומען, און מען מאַכט ניט אויף אים איין אַנדיינקונג, איז דאָס פיל ערגער פון חרבן ביהמ״ק (מיט דעם איז פאַר ענטפערט דיא פראַגע וואָס, דאָ שטייט אַז דאָס איז גלייך וויא דער חרבן, און דאָ שטייט אַז דאָס איז שווער און ערגער, דען דאָרטין וואו עס שטייט „סילוק" ווייזט אַז ער איז גאָר אָפּ גינומען און קיין אַנדיינקונג איז דאָ אויף אים). אַלזאָ רבותי, מוזין מיר אאַנדיינקונג מאַכין.

דער חזן האָט גימאַכט „אהזכרה" ער האָט גיזאָגט: „המצא מנוחה נכונה בצל כנפי השכינה במעלות קדושים וטהורים כו׳" דאָס הייסט מיר בעטין, אז גאָט זאָל איר אַזיבערע רואיגקייט געבין, און זאָל איר אונטער זיינע פליגלען באַשיצין און אָארט געבין בייא דיא ריינע און הייליגע נשמות, דאָס רבותי זיינען מיר זיכער, אַז מען ווערט הדס׳קען צוא חאַפין אויף דיא הענט „על כפים ישאוהו" זיא האָט דאָרטין עפעם אסך בעקאַנטע ריינע נשמות, אסך קליינע קינדער וועלכע זיא האָט זיך פאַר זייא גימיט און גיטאָן, אסך יתומים, און יתומות, זייער פיל אָרימע און גיפאַלענע, זייא וועלין איר געווים דער קענען און צוא נעמען איר פאַר אַגוטין גאַסט זיא איז ניט קיין עלינטע, ווידער דוכט זיך אַז „זכות אבות מסייעתה" דאָס איר אַלטין מאַטינס זכות, דער בערימטער גאון און צדיק ר׳ אליהו׳נקע דער לידער רב ווערט איר עפעס אויף ביין זייט שטיין, מיר זיינען זיכער אַז במעלות קדושים וטהורים, ווערט זיא געווים זיין „דען אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא"! זיא איז ריין און הייליג פון אָנפאַנגם, נאָך אַלעם קליינע קינד האָט הדם איר עסין אָרימע קינדער צוא טיילט, זיא אַליין

האָט זיך מיט אַשטיקיל ברויט בענוגינט, „אתה בראתה״! נור דוא אַליין האָסט אַזוי היילינע נשמה בעשאַפֿין, „ואתה משמרה בקרבי״! נור דוא גאָט אַליין האָסט געקענט איהר נשמה און קערפער צוויא און זיבעציג יאָהר היטין הדס׳עס לעבין אַליין, איז אמדרש פליאה מען פֿרעגט וויא איז הדס׳קע געשטאָרבין? פֿרעגט בעסער וויא האָט זיא געלעבט? פֿערציג יאָר תעניתים״ ניט גענעסין, נאָר ברויט, זויער מילך, אַגאַנץ יאָהר, און אין דיא דרייא וואָכין טרוקין ברויט אַליין, דאַר און מאָגער קליינע פּאַנטאָפֿעלעך פֿאָדימענע זעקעליך, אין פֿראָסט און רעגינס מיט ווינטין זיך ניט ערקעלטעוועט אַזאַ היילינע נשמה איז שוין ממילא „במעלות קדושים וטהורים״ מיר דאַרפֿין פֿיר איהר דאָס ניט בעטין, נור: „המצא מנוחה נכונה״ דאָס הדס׳קע זאָל דאָרטין רוהיג זיין דאָס וועגט זיך נור אָן אונז, זיא קען ניט רוהען „צדיקים אין להם מנוחה לא בעוה״ז ולא בעוה״ב״, וויא וועט הדס׳קע רוען קענען אַז באַלד איז פורים, און דער גראסער היילינער פסח גייט, און אַסך זייער פֿיל ברידער האָבין ניט׳ פֿאַר וואָס צוא נעמען דיא שיינע „ימים-טובים״ אסך אסך גיפֿאַלענע זיינען דאָ וואָס זייא שעמען זיך גאָר אַהאַנד אויס שטעללין און בעטין, זייא באַהאַלטין זיך נעבאַך זיי האָבין ניט פֿאַר וועמען אַנדעקען זייער ביטערען שווערען „סוד״ דאָס זייא פֿעלט פראָסט ברויט ערהאַלטין דיא נשמה . . . הדס׳קע זיא רוהעט ניט! זעט פֿרויען פֿון אייך האָט מען אַזאַ שיינע צווייג צוגענומען, בייא אייך איז אין האַנד אַז איר זאָלט דאָס צוא זאַממען דעם צווייג צוא ריק בריינגען איר קענט פֿיל אויף טאָן איר האָט אַגרויסע ווערטה אין אונזער היסטוריע, אין תלמוד ווערט גיזאָגט: „לא נגאלו ישראל ממצרים אלא בזכות נשים צדקניות״ מען האָט ניט ארויס גינומען אידין פֿון מצרים נאָר צוא ליב דיא נשים צדקניות, דיא פֿרוממע פֿרויען.

מען האָט זיך אַללע בייא הדס׳קעס טויט גיריסין פֿאַר אירע זייף׳ פֿאַר אירע זאַכין אירע קליידער, דער האָט זיך גיחאַפּט צוא אַשטיקעל זייף, דער צוא אַשטיקיל פֿאַציילקעלע דער צוא אַברעג פֿון אירע קליידער דאָס איז נאָך ניט צוא טיילט זיך מיט הדס׳קען, צוא טיילט זיך מיט איהר גייסט און זעלע מיט איר נשמה מיט אירע „מעשים טובים״ מיט אירע וויכטיגע אַרבייט פֿאַר אונזער שטאָדט בכלל, און פֿיר יעדען איינצעגין בפרט, העלפֿין, שטיצען, געבין, טאָן, דאָס זאָלט איר גידיינקען דאָס איז הד׳ס גיוועזן און מיט דעם צוא טיילט זיך. יא איך בין זיכער אַז עס וועלין זיך אייניגע גיפֿינען וועלכע מיט פֿערגעניגען וועלין זייא זיך נעמען צוא דער וויכטיגער זאַך איך רעכין אָבער פֿיר נייטיג צו וויסין געבין דאָס: „לא

משרה אני נותן לכם אך עבדות אני נותן לכם" מען זאָל ניט רעכ̄ענען אַז מען נעמט
אויף זיך עפעם אַצין וועלכ̄ע מען זאָל פֿון אים ערוואַרטין עהערע און פֿערגעניגען
מאַטריאַלישע. ניין! דאָס איז ניט מער וויא דינסט און אַגרויסע אַרבייט,
בעשטימטען הערין פֿיל, זעהען פֿיל און שוויגין, ליידין און טראָגין מאַכ̄ין
זיך ניט זעהנדיג. „מי עור כי אם עבדי" וויל איינער אַדינער זיין פֿאַר מיר
זאָגט גאָט מוז ער זיך מאַכ̄ין ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג ברידער! . מען
רעט, מען זאָגט אויף אַללע וועלכ̄ע זיינען זיך מתעסק בצרכי צבור, דאָס
זאָל אָבער אייך וויכ̄טיגע פֿרויען ניט אָפּ האַלטין, גאָט זאָגט אויך אַז ער
קען ניט יעדערין צוא פֿרידין שטעלין און בפרט אַמענשין נאָר דאָס זאָלט
איר ניט טאָן פֿון וועגין אַנאָמען פֿון וועגין גאוה. „שכירות אינה משתלמת
אלא לבסוף" פֿאַר דינסט צאָלט מען נור ביין ענדע און סוף „הכבוד לבא"
אם ענדע וועט איר אייער עהערע האָבין, הייבט אָן צוא טאָן רבותי! זעט
הדס׳קע זאָל האָבין אַזיכ̄ערהייט, זיא זאָל רוהען און בזכות צדקה וועלין מיר
פֿון אַללע שלעכ̄טעם אוים געלייזט ווערין.

דיא אינטראַג פֿון דאָס העֶפֿט איז היילינג פֿיר איין וואָהלטהאֶטיגען צוועק אונטער׳ דעם נאָמען „קֻפַּת הַדַּסָּה׳ אין רוזאני.

אדרעססא:

Ф. Пинесу Ружаны Гродиен. губ.